בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת משפטים תשפ"א שבת ר"ח אדר - שבת שקלים גליון 588 [שנה י"ג]

**פארוואס שטייט לפניהם?**

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם: (כא א) איז שווער פארוואס שטייט לִפְנֵיהֶם? נאר עס שטייט אין בעל הטורים, הַמִּשְׁפָּטִים איז נוטריקון הדיין מצווה שיעשה פשרה טרם יעשה משפט (סנהדרין דף ו:) עס איז א מצוה פריערט צו מאכן א פשרה צווישן די בעלי דינים פאר מען זאל מאכן א משפט און א פסק דין, שטייט דארטן אין גמ' מצוה לבצוע, עס איז לכתחילה א מצוה צו מאכן א פשרה, אבער דאס איז פאר מען ווייסט וואס דער דין וועט זיין, אבער אויב מען האט שוין אנגעפאנגען דעם דין תורה און מען זעהט קלאר ווער איז חייב און ווער איז פטור טאר מען נישט מאכן א פשרה נאר מען מוז ממשיך זיין דעם דין תורה, און עס שטייט אין גמ' (ר"ה דף כא ע"ב) בקש קהלת להיות כמשה, בקש קהלת לדון דינין שבלב שלא בעדים ושלא בהתראה, שלמה המלך האט געוואלט זיין אזוי ווי משה רבינו וואס האט געוואוסט קלאר וועלכער בעל דין איז חייב און ווער איז פטור, יצתה בת קול ואמרה לו וכתוב יושר דברי אמת, ולא קם נביא עוד בישראל כמשה, נאר משה האט געהאט דער כח. קומט אויס ביי משה רבינו איז נישט געווען שייך צו מאכן א פשרה ווייל ער האט גלייך געוואוסט דעם פסק, אויב אזוי איז שווער דער וְאֵלֶּה "הַמִּשְׁפָּטִים" אז מען איז מצווה צו מאכן א פשרה פארוואס שטייט לִפְנֵיהֶם? מרמז צו זיין אז דער דין פון מאכן א פשרה איז נאר א ציווי פאר אלע אנדערע דיינים, אבער משה האט נישט געמעגט מאכן א פשרה. (איל המילואים הג"ר ארי' ליב קרא אב"ד נעסנא, קראטאשין תר"א) בדרך זה קען מען אויך צולייגן וואס דער בעל הטורים זאגט וְאֵלֶּה איז נוטריקון וחייב אדם לחקור הדין, און דאס שטייט אין גמ' (סנהדרין דף לב.) ממילא וְאֵלֶּה, לחקור דין איז נאר לִפְנֵיהֶם, פאר אלע דיינים, אבער משה האט דאס נישט געדארפט ווייל ער האט געוואוסט וואס איז געווען בלבו פון די בעלי דינים. הגם עס איז א צ"ע ווייל מיר ווייסן תורה לא בשמים היא? אבער משה איז געווען למעלה פון די וועלט, דעריבער האט ער געהאט דעם כח. (שמח זבולון תשפ"א)

**דער עונש פון גנבענען פון א ארימאן איז גאר הארב**

וְגֵר לֹא תוֹנֶה וְלֹא תִלְחָצֶנּוּ כִּי גֵרִים הֱיִיתֶם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם: (כ"ב כ) דער הייליגער רש"י און רמב"ן פרעגן וואס איז די שייכות פון כִּי גֵרִים הֱיִיתֶם וואס צוליב דעם וְגֵר לֹא תוֹנֶה וְלֹא תִלְחָצֶנּוּ? נאר מען קען זאגן ווען א מענטש גזל'ט א פרוטה פון זיין חבר, איז לפי דין תורה איז נישט קיין חילוק צו מען גזל'ט פון א עושר אדער א עני, אבער לגבי עונש מן השמים אויב פון א עושר וואס פילט נישט די צער איז דער עונש קלענער, ווי אויב מען נעמט א פרוטה פון א ארימאן, וואס דער צער איז גאר גרויס אפי' ביי א פרוטה. אזוי ווי מען טרעפט (שמואל ב פרק יב ב–ה) וַיִּקַּח אֶת כִּבְשַׂת הָאִישׁ הָרָאשׁ ארימאן וַיַּעֲשֶׂהָ לָאִישׁ הַבָּא אֵלָיו, וַיִּחַר אַף דָּוִד בָּאִישׁ מְאֹד וַיֹּאמֶר אֶל נָתָן חַי ה' כִּי בֶן מָוֶת הָאִישׁ הָעֹשֶׂה זֹאת. מען האט צוגענומען פון דעם ארימאן זיין שעפס און דוד האט געפסקענט אז עס קומט מיתה פארדעם, הגם מן התורה שטייט דאס נישט, אבער ווייל דער צער פון ארימאן איז געווען זייער גרויס איז דער עונש מן השמים זייער גרויס. און דאס שטייט אַל תִּגְזָל דָּל כִּי דַל הוּא: (משלי כב כב) זאלסט נישט גזלנן פון א ארימאן ווייל ער איז נידעריג און געפאלן ביי זיך, איז זיין צער גרויס ווען מען גזל'ט פון אים. דאס זעלבע איז אויך אז א גֵר איז געפאלן ביי זיך, און אוודאי כלל ישראל וואס זענען געווען גרים אין מצרים זענען געווען געגנידערט ביי זיך און געפילט זייער צער גאר שטארק, דאס שטייט אין פסוק וְגֵר לֹא תוֹנֶה זאלסט נישט פייניגן א גר ווייל זיין צער איז גרויס און איר ווייסט דעם צער פון א גֵר, ווייל כִּי גֵרִים הֱיִיתֶם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם, ממילא וועט די עונש זיין גאר הארב, איז גוט דער המשך הפסוק. (אבן משה הגאון ר' משה פערלמוטער ווארשא תרי"ט הסכמת גדולי אדמור"י ורבני פולין)

**מען דארף דאווענען אז יתגדל ויתקדש שמי' רבא**

וְהָיָה כִּי יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי כִּי חַנּוּן אָנִי: (כב כו) צו פארשטיין פארוואס שטייט "אֵלַי" און נישט וְהָיָה כִּי יִצְעַק וְשָׁמַעְתִּי? נאר ווען א מענטש בעט נאר פאר זיינע צרכים, איז דאס נישט דער תכלית פון תפילה, נאר דער עיקר דארף מען בעטן און אינזינען האבן אז יתגדל ויתקדש שמי' רבא, אז דער שם הוי' זאל קומען צו שלימות, [–ביום ההוא "יהיה" ה' אחד ושמו אחד דעם שם הוי' וועט ווערן יהי"ה– המו"ל] דעמאלטס אז מען בעט אויך די אייגענע צרכים וועט דער אויבערשטער אנעמען די תפילות, דאס שטייט וְהָיָה כִּי יִצְעַק, אז דער עיקר פון דיין תפילה וועט זיין "אֵלַי" אז די שם ה' זאל קומען צו שלימות, און ווערסט דאס בעיקר אינזינען האבן, דעמאלטס וְשָׁמַעְתִּי, וועל איך אויך הערן און אנעמען די תפילות פאר דיינע צרכים, ווייל כִּי חַנּוּן אָנִי. (כנסת יחזקאל ראדאמסק)

**מען דארף דאווענען מיט שמחה**

אויף א אנדער אויפן קען מען מסביר זיין וְהָיָה כִּי יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי, לויט וואס עס שטייט אין ספר אִשֵּׁי דָוִד פון הגה"ק מסקאליא זצוק"ל אויפן פסוק (תהלים ל ז) וַאֲנִי אָמַרְתִּי בְשַׁלְוִי בַּל אֶמּוֹט לְעוֹלָם, לויט וואס עס שטייט אין כתבי האריז"ל אז דער עיקר תפילה איז עס זאל זיין מיט שמחה, אזוי ווי דוד המלך זאגט יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי ה', דאס מיינט וַאֲנִי אָמַרְתִּי, ווען איך בין מתפלל בְשַׁלְוִי, וואס איז גימ' שמ"ח, מיט שמחה, דעמאלטס בַּל אֶמּוֹט לְעוֹלָם, מיינע תפילות וועלן שטענדיג נתקבל ווערן עכ"ד, דאס קען זיין פשט דא: וְהָיָה –והיה איז א לשון שמחה כידוע– כִּי יִצְעַק אֵלַי, דיין תפילות וועלן זיין מיט שמחה, וְשָׁמַעְתִּי, וועט דער אויבערשטער הערן די תפילות. (שמח זבולון תשפ"א)

**דער עונש איז מדה כנגד מדה**

כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר פִּקְחִים: (כג ח) פארוואס איז דער עונש אז דער דיין זאל ווערן בלינד פון נעמען שוחד? נאר מען קען ענטפערן אז דאס איז די עונש פון מדה נגד מדה לויט וואס עס שטייט אין ספר אורים ותומים להגאון ר' יהונתן אייבישיץ (סי' י' אורים ס"ק ד) ואני נוהג ג"כ בכל הדברים וכו' לעיין בספרים ולהורות מתוך הספר כי אותיות מחכימים בפרט בזה"ז אשר בעו"ה השכחה גובר עכ"ל, און דער פתחי תשובה (יו"ד סי' רמ"ד סק"ג) ברענגט אויך פון דער שבות יעקב אז מען זאל נאר פסקנען פון א ספר, לויט דעם זעהט מען אז כדי צו קענען פסקנען ריכטיג דארף מען האבן אויגן צו זעהן וואס עס שטייט אין די ספרים, אבער דער דיין וואס נעמט שוחד וועט נישט פסקנען ריכטיג, און ער וועט נישט קוקן אין די ספרים, ממילא דארף ער נישט אויגן צו זעהן, דעריבער איז זיין עונש יְעַוֵּר פִּקְחִים. (בית פינחס להגה"ק ר' פינחס הלוי הורוויץ מגראסווארדיין)

# מדור העובדות

## א איד איז מכיר טוב חסידים וועגן זייער רבי פון הוסיאטין יארן שפעטער

עש"ק פרשת מקץ כ"ט כסלו תש"ט איז נסתלק געווארן דער הייליגער צדיק ר' ישראל פון הוסיאטין דער זון פון הרה"ק ר' שרגא פייביש זון פון הייליגן סב"ק ר' ישראל דער ריז'ינער זצוק"ל. די קבורה איז געווען אין אלטן בית החיים אין טבריה און אזוי ווי עס איז געווען אין די קליינע פרייטיג'ס און א גרופע פון ארום דרייסיג חסידים זענען געפארן אויף די לויה פון תל אביב און עס איז שוין געווארן שפעט און עס איז נישט געווען מעגלאך אהיים צו פארן אויף שבת האבן זיי זיך געגאנגען זוכן א פלאץ אין טבריה צו פראווען דעם שבת.

זיי זענען געגאנגען צו א באקאנטער מלון פון א היימישער איד און קומען דארטן אריין און זאגן פארן בעל הבית אז זיי ווילן זיין ביי אים אויף שבת און זיי וועלן גוט באצאלן, ענטפערט דער בעל הבית: איך בעט אייך איבער אבער ביי מיר איז שוין אלעם גרייט אויף שבת און איך אנטשולדיג זיך אז איך קען אייך נישט אריינעמען! האבן זיי זיך איינגעבעטן אז היות זיי זענען געקומען פון תל אביב אויף א לויה און האבן נישט וואו צו זיין אויף שבת! האט ער געפרעגט וועמענ'ס לויה איז געווען? האבן זיי געענטפערט, דער הוסיאטענער רבי, ר' ישראל זצוק"ל, ווען ער דאס געהערט האט ער געזאגט אויב אזוי זענט איר מיינע געסט און איך וועל אייך אלעם צושטעלן אז איר זאלט האבן א געשמאקע שבת, און ער זאגט זיי איך וועל אייך ווייזן אייערע צימערן כדי איר זאלט זיך אביסל אפרוהען לכבוד שבת, און איך וועל גיין צושטעלן די עסן כיד המלך לכבוד שבת קודש.

פרייטיג צו נאכט'ס זענען אלע געזעצן צוזאמען ביי די סעודה און מען האט שיין פארברענגט און אין מיטן די סעודה רופט זיך אן דער בעל הבית איך וועל אייך יעצט דערציילן פארוואס איך האב אייך מסכים געווען אריין צונעמען: ווען איר האט דערמאנט דעם נאמען פון רבין פון הוסיאטין האב איך געמוזט טאן פאר אייך און הויבט אן: מיין טאטע איז געווען א סוחר און פלעגט אסאך ארום פארן פאר זיינע געשעפטן און זייענדיג א נאנטער חסיד פון הייליגן רבין פון הוסיאטין פלעגט ער כסדר גיין זיך מזכיר זיין דארט, און נאכדעם געפארן צו די געשעפטן, איינמאל איז ער אנגעקומען קיין הוסיאטין און מען האט איםגעזאגט יעצט קען מען נישט אריינגיין צום רבין נאר ער זאלווארטן אין שול ביז מען וועט אים רופן, ער האט געווארט ביז מען איז אים געקומען רופן און מיין טאטע גייט אריין צום רבין און דערלאנגט אים א קוויטל און דער רבי קוקט אריין און ליינט דאס און פרעגט וואס מאכט דיין יונגסטער זון? ענטפערט מיין טאטע אלעם איז גוט מיט אים, אבער דער רבין'ס פנים ווערט ערנסט און ער זאגט זארג זיך נישט, איך וועל מתפלל זיין ער זאל האבן א גאנצע רפואה, מיין טאטע איז געווארן דערשראקן פון דעם, אבער ער האט שוין נישט געקענט אהיים פארן און איז אריין אין שול זאגן תהלים, מיט א שטארקע האפענונג צום באשעפער אז די רייד פון רבין וועט מקויים ווערן.

מיין טאטע האט געדארפט עפעס ארויסנעמען פון זיין טאש און עס ווערט אים שלעכט ווען ער עפענט זיין טאש און באמערקט אז די קוויטל וואס ער האט אנגעשריבן איז נאך געווען ביי אים, איז מן הסתם האט ער געגעבן דעם רבין א ליידיגע פאפיר אדער אפשר האט דער רבי זיך טועה געווען מיט א אנדערן קוויטל, און ער לויפט צוריק צום רבין און וויל געבן די ארגינעלן קוויטל, אבער דער גבאי איז געווען א דערהויבערנער איד און ווען ער הערט וואס מיין טאטע וויל טאהן, האט דער גבאי געזאגט: חלילה צו טראכטן אזא זאך אויפן רבין! ווייל אפילו עס וואלט געווען א ליידיגער פאפיר וואלט דער רבי אלעם געזען, און בפרט אז דער רבי האט דיר אנגעוואונטשן, וועט אלעם זיין גוט און קענסט אהיים פארן לחיים ולשלום. מיין טאטע איז געווען א חסיד און דערהערט וואס דער גבאי האט געזאגט און איז געווארן בארוהיגט.

מיין טאטע האט גענומען זיין ביכל און איינגעשריבן פונקלאך די שעה וואס דער רבי האט אנגעוואונטשן זיין זון און איז געפארן צו זיינע געשעפטן מיט אמונה אין צדיק אז אלעם וועט זיין גוט. עס איז אריבער א שיינע פאר וואכן און מיין טאטע גרייט זיך אהיים צו פארן, ווען ער איז אריין אין שטאט האט ער געפרעגט איינעם צו אלעם איז אין ארדענונג ביי אים אין שטוב? האט יענער געענטפערט אז ער האט גארנישט געהערט עפעס שלעכט! איז מיין טאטע רוהיג געפארן צו זיין שטוב און ווען ער קומט אריין זאגט אים מיין מאמע זאלסט וויסן אז מיר האבן געהאט גרויסע ניסים מיט אונזער יונגסטן זון, און זי דערציילט אים אז גלייך נאך וואס דו ביסט אוועק געפארן האט דאס קינד אנגעהויבן נישט גוט צו פילן און דער מצב איז געווארן גאר קריטיש, האב איך דאס קינד גענומען צום דאקטער וואס האט געזאגט אז ער קען שוין גארנישט טאן פארן קינד, נאר זי זאל אים אהיים נעמען און נאר בעטן דעם אויבערשטן פאר א נס, און ווייל דו ביזט נישט געווען דא, האב איך אהיים גענומען דאס קינד און גענומען זאגן תהלים און בעטן דעם אויבערשטן, און איין טאג זעה איך פלוצלינג ווי דער קינד הויבט אן צו פילן בעסער און אין א פאר שעה איז ער געווארן אינגאנצן געזונט און איך האב אים גענומען צום דאקטער וואס האט אים באטראכט און געזאגט עס איז געשען דא א נס!

פרעגט מיין טאטע ווען איז געשען די פארבעסערונג? האט זי געזאגט א צייט, נעמט ארויס מיין טאטע זיין ביכל און זעט אז דאס איז געווען פונקט ווען ער איז אריין צום רבין און האט אנגעוואונטשן, מיין טאטע איז געפארן צום רבין מיט מיין מאמע און געברענגט א שיינע מתנה פארן רבין, דאס האט דערציילט דער בעל המלון, און ער האט אויסגעפירט אז דער אינגל בין איך געווען! און איך בין שולדיג מיין לעבן פארן הייליגן רבי פון הוסיאטין, דעריבער האב איך אייך אריינגענומען ביי מיר זיע"א. (מפי הרה"ח ר' אהרן ראמזערין חסיד הוסיאטין)


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עס איז א שיינע מתנה***

ספר דברי אמונה תולדות אהרן שייך להגה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען גוט געלערנט $2000, סידור ישועות ישראל שהתפלל בו הרה"ק ר' יעקב יוסף מספינקא $1500, ספר שייך להגה"ק ר' אברהם חיים הורוויץ מפלאנטש חמיו של הדברי יואל מסאטמאר, וגם לבנו ר' משה עם כתב יחוס, צוויי בריוו פון מלאך תרצ"ד טיפע חסידות צו זיין זון $4500 ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, מדרש רבה שקיבל הרה"ג ר' זאב וואלף טירנויער מאת הרה"ק ר' יהוסף הלוי ר"ב בעל אור מלא מקאסאן, ספר רחמי האב שלמד בו הרה"צ ר' יואל זוסמאן מערץ זצוק"ל עם חתימתו, ספר משיב נפש עם הקדשה ארוכה מהגה"ק מצעהלים חוסט תרע"ג, אגרות משה עם הקדשת המחבר הגאון ר' משה פיינשטיין, ספר ישועות יעקב עם כמה חתימות ר' נתן נטע לנדא מאושפיצין והגה"ק ר' בצלאל שמעון ניימאן בעל פנינים יקרים ועוד, כמה ספרים שייכים להרה"ג ר' משה ארי' פריינד מנאסאד, ספר מן המצר שייך להגה"ק ר' איציקל מפשעווארסק. ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, ספר ספיח קציר בארדיטשוב תרס"ב עם הסכמת השטעפענישט הרה"ק ר' אברהם מתתיהו בהרה"ק ר' מרדכי שרגא, ברענגט חסידישע תורות פון צדיקים זייער נדיר, 2 בריוו פון אמרי חיים וויזניץ צו ראטעווען אידן פון רומעניא, 2 פסקים כת"י און חתימות פון הגאון ר' עקיבא איגר, תהלים בן ביתי דפוס ראשון שייך להרה"צ ר' יהודה צבי אייכנשטיין נכד הרה"ק ר' אשר ישעי' וחתן הרה"ק ר' ישראל צבי מקאסאן הי"ד, ספר חסידים באזיל שמ"א, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים, אסאך ספרים פון דער משפחה ביי אונז, בריוו פון מרחשת, דברי מלכיאל הגאון ר' אליעזר ראבינוביץ דער מינסקער גדול, מהגאון מראגאטשוב, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, ר' ברוך בער, מהגאון ר' שך, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, נאוואמינסק,

**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון איז דא ביי אונז, מיר שיקן דאס ארויס אימייל יעדן וואך מיטן פרדס יהודה

***מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש אויך ספרים און אויך אלטע געלט***